# יונה ראָזענפֿעלד

## וואָס האָט פּאַסירט מיטן אַלטן?

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דעם אַלטן איז זייער נישט אַנגענעם געווען גאַנץ פֿרי אַראָפּצוקריכן פֿונעם אויוון און אַרײַנגיין אין דער קאַלטער קאַמער געבן די גענדז עסן, איז ער דאָך צופֿרידן געווען, וואָס ער קאָן די קינדער מיט עפּעס נוצלעך זײַן. ער האָט עס כּמעט אַליין אויף זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אָט דעם עול, נישט ווענדיק זײַן קיין אומזיסטער פֿרעסער. די אַרבעט אַן־און־פֿאַר־זיך איז נישט געווען קיין שווערע, נאָר אָט דאָס אויפֿשטיין מיטן טאָג צו גלײַך און דאָס אַראָפּקריכן פֿונעם וואַרעמען אויוון און אַרויסטראָגן אין דער קאַלטער קאַמער דאָס עסן פֿאַר די גענדז (וואָס ער אַליין האָט אַלע אויף דער נאַכט פֿאַרן שלאָפֿן גיין צוגעגרייט פֿאַר זיי אין אַ מולטערל און עס געלאָזט שטיין אין קיך, עס זאָל נישט פֿאַרפֿרירן ווערן דאָרט אין קאַמער) — אָט דאָס איז אים זייער נישט אַנגענעם געווען. אָבער מערקווירדיק, וואָס נאָך דעם, ווי די אַרבעט איז פֿון אים אָפּגעטאָן געוואָרן, האָט ער געהאַט עפּעס אַן ענלעך געפֿיל, ווי אַ מאָל, אין די יונגע יאָרן, ווען ער האָט עפּעס פֿאַר די קינדער געטאָן. ער איז געווען אונטערן אײַנדרוק, אַז די פֿאָטערלעכע זאָרג פֿאַר די קינדער האָט זיך אַרײַנגעקייטלט אין דער עלטער אַרײַן... נישט מער, וואָס אויף דער עלטער האָבן דאָס אָרט פֿון די קינדער פֿאַרנומען די פֿעדערדיקע, באַפֿליגלטע באַשעפֿענישן, צו וועלכע ער איז אויך כּמעט ווי אַ פֿאָטער געווען. ווײַל דורך אים, דורך זײַן אַרבעט און פּראַצע, זײַנען אָט די גענדז, וואָס זײַנען ווינטער געזעסן אין שטײַג, געקומען אויף דער וועלט. ער האָט עס זומער געזעצט גענדז אויף אייער און ער האָט די קינדער־גענדזלעך דערצויגען און זיי אויסגעהאָדעוועט, פֿאַר גרויסע גענדז געמאַכט. אַרומפֿירענדיק זיך מיט די יונגע גענדזלעך אויף די לאָנקעס, האָט ער געהאַט דאָס געפֿיל, ווי ער וואָלט אויף דער עלטער מגולגל געוואָרן אין אַ נײַער פֿאָטערלעכער ראָלע צו דערציִען קינדער, וואָס באַלאַנגען נישט צום מענטשלעכן מין. און

טאַקע נאָר מיט דעם דערקלערט זיך עס, וואָס אַז ס'איז געקומען די צײַט, ווען מ'האָט די גענדז באַדאַרפֿט קוילענען, איז דער אַלטער געזעסן אַ פֿאַרצאָגטער אויפֿן אויוון און געטראַכט וועגן דעם גרויזאַמען יום-הדין, וואָס עס דערוואַרט די אומגליקלעכע באַשעפֿענישן, וועלכע ער האָט אויסגעפֿירט און אויס געהאָדעוועט, און טאַקע צוליב דעם, אַז מ'זאָל דערנאָך עסן זייער פֿלייש און שמאַלץ...

יאָ, ער האָט געוווּסט, אַז ער טוט עס נישט צוליב עפּעס אַנדערש, אָבער דאָך, אַרומפֿירנדיק זיך מיט זיי זומער און אַכטונג געבנדיק אויף זיי ווינטער, האָט ער אָפּגעשטופּט אָט דעם געדאַנק פֿון זיך. ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן, וואָס עס דערוואַרט אין דער נאָענטער צוקונפֿט אָט די, צו וועלכע ער האָט געפֿילט אַזאַ נאָענט, כּמעט פֿאָטערלעך געפֿיל.

וויפֿל מאָל אין טאָג דער אַלטער איז אַרײַנגעקומען אין קעמערל, האָבן אים די גענדז אויפֿגענומען מיט אויסגעשרייען און געפּילדער, און איינע נאָך דער אַנדערער האָבן זיי פֿון שטײַג אַרויס אַרויסגעוואָרפֿן קעפּלעך און רויטע פּיסקעס, מיט די חנעוודיקע אָטעם-שפּעלטעלעך, וואָס דעם אַלטן האָט זיך באַזונדערס געוואָרפֿן אין די אויגן אַרײַן. ער איז געווען זייער צופֿרידן פֿון אָט די באַגײַסטערטע ברוך-הבאס, וואָס זיי גיבן אים. אָט אַזוי נעמען דאָך אויף קליינע קינדער אַ פֿאָטער, ווען ער קומט אַרײַן אין שטוב און ברענגט פֿאַר זיי עפּעס.

ס'האָט זעלטן ווען געטראָפֿן, ער זאָל מיט די גענדז, נאָך דעם ווי ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט עסן אָדער טרינקען, – ער זאָל זיך מיט זיי נישט דורכשמועסן און ער זאָל איינער און אַ צווייטער גאַנדז נישט אַ גלעט טאָן איבערן קעפּל. און האָט וועלכע פֿון זיי באַוואָלהט אַ צווייטע, נישט צולאָזנדיק זי צו דער מולטער, האָט ער זי אויסגעמוסרט:

– אָ, דו שעלמאַ דו! פֿאַר וואָס לאָזסטו זי נישט צו צו דער מולטער?

און אַ מאָל, ווען איינע אַזעלכע האָט זיך אָנגעהויבן ווערגן, אַרײַנשלינגענדיק אַ צו גרויסע פּאָרציִע שפּײַז, האָט דער אַלטער געזאָגט צו איר:

– אָט דאָס האָט דיך גאָט געשטראָפֿט דערפֿאַר, וואָס דו לאָזסט יענע נישט צו.

ער האָט ליב געהאַט אַלע גענדז, נאָר דאָך זײַנען אים אַלע מאָל געווען נענטער די "פּלאָכע", די שוואַכערע, וואָס זײַנען אַלע מאָל געבליבן ערגעץ פֿאַרשטעקט פֿון הינטן און מיט אומבאַהאָלפֿנקייט און קנאה געקוקט אויף די דרייסטערע און שטאַרקערע, וואָס זײַנען אַלע מאָל געשטאַנען אין פֿראָנט, דאַרט וווּ דאָס עסן און טרינקען איז געשטאַנען.

אַלע מאָל האָבן זיך געפֿונען אַ פּאָר אַזעלכע. און דער אַלטער האָט געהאַלטן וואַך דאָס אויג אויף זיי און שוין געזען מיט אַלע מעגלעכקייטן זיי צוצושטופּן צום פֿראָנט.

אַרום און אַרום האָט ער געהאַט פֿאַרגעניגן פֿון דער עובדא, פֿון זײַנער. שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, וואָס ער האָט זיך נישט געפֿילט אַזוי עלנט און אײַנזאַם אַ דאַנק אָט די לעבעדיקע באַשעפֿענישן, האָט ער אויך געפֿילט אַ געוויסע צופֿרידנקייט אין דעם, וואָס ער קאָן מיט עפּעס נוצלעך זײַן אין שטוב.

שטאַרק נישט צופֿרידן איז ער, אָבער, געווען, ווען ער האָט באַדאַרפֿט אויפֿשטיין פֿאַר טאָג, אַראָפּקריכן פֿונעם אויוון אַראָפּ און אַראָפּגיין אין דער קאַלטער קאַמער. אַמת, אַז אַ גאַנצע וואָך איז אויפֿן אויוון אויך נישט געווען איבעריק וואַרעם. אָבער דאָך איז דאָרט, אין פֿאַרגלײַך מיט דער קאַמער, געווען אַ גן-עדן, און דער אַלטער האָט, נעבעך, זייער געקרעכצט, ווען ער האָט אָנגעהויבן מאַכן זײַנע הכנות אַראָפּצוקריכן פֿון אויוון אַראָפּ. ער האָט פּאַמעלעכינקע גענומען אַרום זיך אַרומטאַפּן דאָס אָנטאָן און, פּאַמעלעכינקע עס אָנגעטאַפּט, האָט ער נאָך פּאַמעלעכער גענומען אַרויפֿשטעלן אויף זיך איין שמאַטע נאָך דער אַנדערער, און ערשט ווען ער איז שוין געווען אָנגעטאָן, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די פֿיס און זיי געלאָזט אַ לאַנגע צײַט הענגען אין דער לופֿטן. און דערבײַ נישט אויפֿגעהערט קרעכצן. און געדאַכט האָט זיך, אַז די קרעכצן פֿאַלן פֿון שוואַרצן קוימען, פֿון זײַן טיפֿער שוואַרצקייט, וואָס געפֿינט זיך

איבערן דאַך און אין דרויסן, איבער וועלכן עס וואָיען קאַלטע, בייזע ווינטן...

* * *

אין איינעם אַ ווינטער האָט זיך געמאַכט, אַז איינע אַ גאַנדז פֿון די, וואָס זענען אין שטייַג געזעסן, איז ״חולה״ געוואָרן. דער אַלטער האָט עפּעס איין מאָל און אַ צווייט מאָל באַמערקט, ווי אָט די איינע האַלט זיך עפּעס אַזוי וואַקלדיק און אומעטיק, זיצט זיך אין אַ ווינקל שטייַג, קוקט מיט אַ מאָדנער גלייַכגילטיקייט אויף דעם גאַנצן געגנדזענעם טומל, וואָס זיי מאַכן אָן, ווען מען דערלאַנגט זיי דאָס עסן, און אַליין רירט זי זיך נישט פֿון אָרט, און בלויז ווען עס ווערט אַ שטאַרקער געדראַנג, ווען איין גאַנדז בריט זיך אַרויסצושטופּן פֿאַר אַ צווייטער צום פֿראָנט פֿון שטייַג, הייבט זי זיך אויף, אָדער ווערט אויפֿגעהויבן פֿון אַנדערע, וואָס שטופּן זיך אין אומאָרדענונג אַהין און אַהער, אויב אויך נאָך דעם בלייַבט זי שטיין אַן אָפּגעזונדערטע און קוקט אַזוי גלייַכגילטיק מיטן קעפּל און מיט איין אייגל, ווי זי וואָלט מיט ביטול באַטראַכט אָט די געגנדזענע בהלה פֿאַר דער אכילה.

דער אַלטער האָט לכתּחילה געמיינט, אַז דאָס איז איינע אַ ״פּלאָכע״ גאַנדז, וואָס האָט קיין מוט נישט זיך אײַנצורײַסן מיט די איבעריקע איבער דער אַכילה. שפּעטער ווען ער האָט זיך בעסער אײַנגעקוקט אין איר און דערזען דעם בלאַסן שנאָבל אירן און די בלאַסע פֿיסלעך, האָט ער זיך איבערצייַגט, אַז די גאַנדז איז ״חולה״, און ער האָט גענומען באַזונדערס אַכטונג געבן אויף איר.

ער פֿלעגט פֿון צייַט צו צייַט ספּעציעל פֿאַר אירעט וועגן אַרייַנברענגען אַ ביסל צעקוועטשטע קאַרטאָפֿל מיט מעל – אַ מאכל, וואָס גענדז האָבן זייער ליב, און אַ מאָל האָט ער פֿאַר אירעט וועגן געבראַכט שירעים, וואָס זענען פֿאַרבליבן פֿונעם הויזגעזינד. אָבער זייער זעלטן האָט זיך אים אײַנגעגעבן זיך צו דערשלאָגן צו דער חולה-גאַנדז, ווייַל ווו ער האָט זיך נישט אַ דריי געטאָן, זענען די געזונטע און בראַווע געשטאַנען גלייַך אַנטקעגן אים און מיט אַ גראַגערייַ געוואָרפֿן צו אים פֿון שטייַג אַרויס קעפּלעך און רויטע שאָבלען. איז לא די, וואָס ער האָט צו יענער נישט געקאָנט צושטעלן אָט די

געשמאַקע מזונות. איז נאָך יענער, נעבעך, אויסגעקומען צו לײַדן פֿון דעם געדראַנג און פֿון דעם איבערוואַרפֿן זיך פֿון די גענדז פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן. עס האָט אים ממש געריסן דאָס האַרץ, צוזעענדיק, ווי אָט שטעלט זי זיך אויף און אָט קריגט זי ווידער אַ שטויס פֿון דעם גענדזענעם געדראַנג, און זי זיצט שוין ווידער און קוקט זיך אַזוי אומבאַהאָלפֿן מיט די קאַלעמוטנע אייגעלעך און דרייט אַזוי מיטן פֿאַרגעלטן שנאָבל, און עס איז קענטיק געווען, אַז זי פֿאַרלאַנגט גאָרנישט פֿון לעבן און פֿון גענדז, נאָר אַז מען זאָל זי לאָזן רויִק זיצן אָדער שטיין.

געזען, אַז זײַן בעסטער ווונטש עפּעס צו טאָן „פֿאַרן חולה" איז אָן דערפֿאָלג, האָט ער, באין-ברירה, די גאַנדז געמוזט אַרויסשלעפּן פֿון שטײַג אַרויס (דאָס איז אים אויך נישט גאָר גרינג אָנגעקומען), און נאָך דעם ווי ער האָט זי פֿון דאָרט אַרויסבאַקומען, האָט ער זי שוין מכבד געווען מיטן גוטן שפּײַז, וואָס ער האָט געבראַכט פֿאַר איר, און זי אָנגעהאָדעוועט, און איר געגעבן צו פֿאַרטרינקען, און דערנאָך האָט ער זי צוריק אין שטײַג אַרײַנגעלאָזט.

ווען ער וואָלט געווען בעל-הבית, וואָלט ער אָט די חולה-גאַנדז אַרײַנגענומען אין קיך אַרײַן און וואָלט זי געהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז זי וואָלט געזונט געוואָרן. אמת, ער ווייסט טאַקע, אַז דאָס לעבן אירס איז שוין קורץ; אַז אויב אַפֿילו אים וואָלט זיך אײַנגעגעבן מיט זײַן צוזען זי אָפּצוראַטעווען פֿון טויט, זענען די טעג פֿון איר גענדזענעם לעבן געציילטע. נו, איז ער שוין דערצו געוויינט. דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, דער נאַטירלעכער טויט פֿון אַלע הויזיקע עופֿות. מענטשן האָבן זייער מלאך-המות, און דער „מלאך" פֿון טויט פֿאַר גענדז און הינער איז דער מענטש. און פּונקט אַזוי ווי בײַ איינעם רופֿט-אַרויס מיטלײַד, ווען איינער שטאַרבט מיט אַן אומנאַטירלעכן טויט (וואָס דאָס וואָלט דווקא געווען דער נאַטירלעכער). סײַ-ווי-סײַ האָט ער דערצו גאָרנישט געקאָנט העלפֿן. „כי לכך נוצרת", מ'זאָל זיי קוילענען און עסן זייער פֿלייש. דערפֿאַר מאַכט דער שוחט אַ ברכה. און דאָ-אָ, טאָמער פּגרט זי אַוועק, איז עס דאָך גלאַט גאָרנישט. אי קיינער וועט פֿון איר קיין הנאה נישט האָבן, אי זי וועט אַוועקגיין פֿון דער וועלט אָן אַ ברכה.

אַראָפּקריכן פֿונעם אויוון איז דעם אַלטן, ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, נישט אַזוי לײַכט געווען, און דאָך איז עס אים פֿיל לײַכטער אָנגעקומען, ווען ער האָט זיך געלאָזט פֿון זײַן אייבערשטן אָרט אַראָפּקריכן אויסשליסלעך בכדי צו כאַפּן אַ קוק אויף דער חולה-גאַנדז. און ער האָט בײַ יעדן "וויזיט", וואָס ער האָט איר געמאַכט, געהאַט אמתע שברי-לב, טרעפֿנדיק זי פֿאַררוקט אין אַ ווינקעלע, אַ פֿאַרחושכטע, מיט נאָכלעסיק אַראָפּגעלאָזטע פֿליגל, און דער פּיסק אירער איז געווען אַזוי פֿאַרגעלט ווי, להבֿדיל, בײַ אַ מענטש, וואָס האַלט בײַ שטאַרבן.

* * *

אין איינער אַ נאַכט, וואָס באַלאַנגט טאַקע צו דער זעלבער צײַט, ווען ווען עס איז אויבן דערציילט געוואָרן, האָט זיך דער אַלטער אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף מיט אַן אומרויִק געמיט און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. און אויפֿגעכאַפּט האָט ער זיך, ווי אים האָט זיך געדאַכט, פֿון אַ פּאַטש פֿון אַ פֿליגל... אמת, אַז פֿון קאַמער, ווו עס זענען געזעסן די גענדז, און צווישן זיי די קראַנקע גאַנדז, האָט ער דעם פּאַטש פֿון פֿליגל נישט געקאָנט הערן. ער האָט עס געוווּסט און טאַקע זיך געוווּנדערט. גלײַכצייטיק, אָבער, וויסנדיק, אַז דאָרט געפֿינט זיך אַ חולה-גאַנדז, האָט זיך אים שוין יאָ געלאָזט גלייבן, אַז אויב די גאַנדז האַלט האַרט פֿאַרן טויט, איז אַזאַ פֿליגל-פּאַטש – אַ גסיסהדיקער, און מען קאָן שוין יאָ דערהערן... פֿאַר וואָס דווקא אַזעלכן יאָ, דאָס איז געווען נישט פֿאַרשטענדלעך. אַזוי צי אַזוי, איז ער זיכער געווען, אַז מיט דער גאַנדז קומט דאָרט עפּעס פֿאָר, אָדער עס איז שוין פֿאָרגעקומען, און זי ליגט שוין דאָרט מיט אויסגעשטרעקטע פֿיסלעך...

איז מילא, "אַ שיינע, ריינע כּפּרה". עס ווילט זיך אים אַזוי טראַכטן און ס'ילאָזט זיך נישט. אַ שווערער, פּײַנלעכער אומעט פּרעסט דאָס גאַנצע געמיט זײַנס, און זײַן גאַנץ וועזן איז דורך און דורך דורכגעזאַפּט מיט שרעק. אָט דער פּאַטש פֿונעם פֿליגל איז ערגעץ פֿאַרגליווערט געבליבן און אים שרעקט עפּעס פֿיל, פֿיל מער, ווי אַזעלכעס וואָלט באַדאַרפֿט שרעקן...

איז טאַקע דער גאַנצער פּחד באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט עס פֿון דער ווייַטער קאַמער און פֿון דער פֿעסט ווינטערדיק צוגעמאַכטער טיר נישט געקאָנט דערהערן... און אפֿשר האָט זיך עס אים אויסגעדאַכט? און אויב אויסגעדאַכט, האָט עס שוין אפֿשר גאָרנישט צו טאָן מיט דער חולה-גאַנדז, נאָר מיט אים אַליין? אפֿשר איז די גאַנצע אומרויִקייט, וואָס ער פֿילט די גאַנצע צייַט פֿאַר דער קראַנקער גאַנדז, נאָר אַן אומרויִקייט פֿאַר זיך?... אפֿשר ווייַל ער האָט אין איר דערזען אַן אָפּשייַן פֿון זיך, איז ער אפֿשר דערפֿאַר דורכגעדרונגען מיט אַזוי פֿיל צער צו איר? און אפֿשר איז די גאַנצע זאָרג פֿאַרן טויט פֿון דער גאַנדז נאָר זייַן אייגענע זאָרג פֿאַר זייַן אייגן לעבן, וואָס האַלט שוין אָט-דאָ ביים סוף? און אויב דאָס איז אַזוי, איז דאָך גאַנץ מעגלעך, אַז דער פּאַטש פֿונעם פֿליגל, וואָס אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס האָט זיך דערטראָגן פֿון קאַמער צו אים, קומט גאָר פֿונעם מלאך-המוות, וואָס האָט זיך דאָ פֿאַרבייַ אים דורכגעטראָגן, און דאָס איז גאָר געווען דער פֿאָך פֿון זייַנע פֿליגל?...

דער אַלטער האָט אָנגעהויבן צו פֿיבערן און, וועלנדיק זיך באַרויִקן, האָט ער זיך געוואָלט איינשמועסן, אַז דעם פּאַטש פֿון דעם פֿליגל האָט ער נאָר געהערט פֿון קאַמער און אַז די גאַנצע זייַנע מורא איז טאַקע בלויז פֿאַר דער גאַנדז...

און אויף וויפֿל ער האָט עס נישט געוואָלט, איז ער דאָך גערן געווען, אַז ס'זאָל טאַקע אַזוי זייַן. שוין צוליב דעם אַליין טאַקע, כּדי ער זאָל פֿאַר זיך קאָנען רויִק זייַן. ער האָט, אָבער, געפֿילט, אַז ער וועט זיך נישט קאָנען באַרויִקן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער וועט נישט אַרייַנגיין אַהין-צו אין קאַמער אַרייַן און אַ קוק טאָן, ווי עס האַלט דאָרט מיט איר!

נישט אַזוי לייַכט האָט ער זיך געקאָנט באַשליסן אַראָפּצוקריכן אין האַלבנאַכטיקן חושך פֿון דעם וואַרעמען אויוון און גיין אין דער קאַמער אַרייַן, וווּ ס'איז געווען פּונקט אַזוי קאַלט, ווי אין דרויסן. נישט גיין, אָבער, איז נאָך ערגער געווען.

ער האָט זיך אויפֿגעזעצט און איז געזעסן אַ פּאָר מינוט פֿאַרזונקען אין שוואַרצע געדאַנקען, דערנאָך האָט ער זיך פּאַמעלעכינקע אַראָפּגעלאָזט פֿונעם אויוון אויפֿן טאַפּטשאַן און פֿונעם טאַפּטשאַן

אויף דער ערד. דערנאָך האָט ער אָנגעטאַפּט די שוועבעלעך אויפֿן קוימען, אָנגעצונדן אַ שפּענדל און דערמיט צו דער קאַמער אַוועק.

ווי נאָר ער איז אַהין-צו אַרײַן, האָבן די גענדז צעגרעגערט מיט אומרויִקייט פֿאַר דעם בײַנאַכטיקן וויזיט. דער אַלטער איז גלײַך צו מיטן ברענענדיקן שפּענדל צו דער שטײַג, זיך אַראָפּגעזעצט און פֿאַרקוקט אינעווייניק. די גענדז האָבן אומרויִק געצויגן די העלדזער איינע איבער דער אַנדערער, דריקנדיק זיך איינע צו דער צווייטער און בײַטנדיק זיך מיט די ערטער, ביז ענדלעך איז דעם אַלטן געלונגען זיך צו דערשלאָגן צו דער חולה-גאַנדז. און ער איז געוואָרן נישט ווייניק איבערראַשט, ווען ער האָט זי דערזען אין דעם זעלבן צושטאַנד, ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט נעכטן (נעכטן, צי הײַנט, ווײַל ער האָט נישט געוווּסט, ווו, אַן ערך, עס האַלט מיט דער נאַכט). ווי אַלע מאָל, ווען ער האָט זיך געוואָלט נעמען צו איר, אַזוי האָט זי זיך איצט אויפֿגעשטעלט און זיך אַוועקגעזעצט, אויפֿגעשטעלט און זיך אַוועקגעזעצט. אָט וויפֿל מאָל זי האָט געכאַפּט אַ שטויס פֿון די צווישן זיך שטויסנדיקע גענדז, אַזוי פֿיל מאָל האָט זי זיך אַראָפּגעזעצט און זיך אויפֿגעהויבן.

ווען אַלע גענדז זענען געבליבן שטיין אין איין הורבע, האָט דער אַלטער ערשט געקאָנט רעכט מבקר-חולה זײַן די קראַנקע גאַנדז. אמת, זי האָט אים איצט אויסגעזען ערגער פֿון אַלע מאָל, אָבער בײַ דער פּגירה האָט עס אַלץ נישט געהאַלטן.ביידע האָבן איבערגעוואָרפֿן מיט פֿאַרשטענדלעכע בליקן, ווי צוויי באַקאַנטע, וואָס קענען קען מען זיך, אָבער רעדן איז נישטאָ וועגן וואָס. די גאַנדז האָט אַהין און צוריק געדרייט דאָס קעפּל און אים באַטראַכט מיט איין אייגל און מיט אַ צווייטן. קענטיק, אַז קוקן אויף דעם, וואָס קוקט אויף איר, מיט איין אויג איז ווינציק געווען, און זי האָט געוואָלט קוקן מיט ביידע אויגן.

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די גאַנדז האָט נישט אויסגעזען ערגער ווי דאָס לעצטע מאָל, וואָס ער האָט זי געזען, האָט זיך אים דאָך געדאַכט, אַז די שעהן אירע זײַנען געציילטע, און שוין צוליב דעם אַליין איז אים אײַנגעפֿאַלן זי אַרויסצונעמען פֿון שטײַג אַרויס און זי אַרײַנטראָגן אין קיך אַרײַן. אים האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז דאָרט, אין קיך, וועט איר גרינגער אָנקומען דער טויט. און נישט

לאַנג געטראַכט, האָט ער געעפֿנט פֿון אויבן דאָס טירל און די גאַנדז ביי אַ פֿליגל אַרויסגעשלעפּט.

פֿונעם פֿאָך פֿון פֿליגל האָט זיך דאָס פֿייַער אויסגעלאָשן, און דער אַלטער איז, מיט דער גאַנדז אין דער האַנט, געבליבן אין דער שטאָקפֿינצטערער קאַמער, ווו עס האָבן זיך געבלייכט די ווייַסע שנייפּאַסקעס, וואָס זענען געלעגן פֿאַרשטעקט צווישן די שפּאַרונעס פֿון די ווענט. דער אַלטער האָט זיך פֿאַרלוירן, גלייַך ווי דאָס פֿייַער האָט זיך אויסגעלאָשן. אַ שווידערלעכער פּחד איז אים באַפֿאַלן, און די פּאַסקעס שניי, וואָס האָבן פֿון אַלע זייַטן זיך געבלייכט, האָבן אָנגעהויבן שווינדלען אין זייַנע אויגן, געשניטן מיט ווייַסקייט די פֿינצטערניש, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז יעדעס פּאַסקעלע, וואָס גיט אַ שוועב אין דער לופֿטן, איז עפּעס אַ ווונק און אַ ווייַז פֿון אַ ווייַסער, טויטער וועלט, וואָס ליגט אין דער געדיכטער, שוואַרצער פֿינצטערניש באַהאַלטן.

דער אַלטער האָט זיך מיט איילנדיקן אימפּעט, האַלטנדיק די גאַנדז ביי אַ פֿליגל, געלאָזט טאַפּן אַ וואַנט, ווו ער איז געווען זיכער, אַז דאָרט באַדאַרף זייַן די טיר. און אַ טאַפּ געטאָן איין מאָל און אַ צווייט מאָל און די טיר נישט אָנגעטאַפּט, איז ער נאָך מער געוואָרן צעמישט און צעטומלט. און דאָ ציט די גאַנדז די האַנט זייַנע מיט איר גאַנצער שווערקייט און פּאַטשט אים מיטן פֿרייַען פֿליגל איבער די פּיס... פּאַטשט, און עס הערט זיך בלויז אָט די פּאַטשערייַ, און די גאַנדז אַליין וואַרפֿט זיך בלויז צוליב דעם, כּדי אים צו פּאַטשן מיטן פֿליגל איבער די פּיס.

וואָס לענגער ער טאַפּט די וואַנט, זוכט די טיר און געפֿינט זי נישט, אַלץ זיכערער ווערט ער, אַז ער וועט שוין די טיר נישט אָנטאַפּן... יאָ, ערגעץ באַדאַרף דאָ זייַן אַ טיר, און זי איז נישטאָ... אָדער זי איז יאָ דאָ, נאָר נישט פֿאַר אים... זי איז געווען פֿריִער אויף אַרייַנצופֿירן אים אַהער-צו. איצט-אָ, אויף אַרויסצוגיין, איז זי שוין נישטאָ, די טיר, פֿאַרשוווּנדן געוואָרן...

און די גאַנדז ווערט אַלץ שווערער און פּאַטשט אַזוי שטום און שטילשווייַגנדיק אים איבער די פּיס... און מאָמענטנווייַז שפּרינגט דורך ביי אים אַ געדאַנק, אַז ס'איז גאָר קיין גאַנדז נישט, וואָס ער

האַלט... געווען, איצט שוין נישט... ס׳איז אַ פֿליגל, בלויז פֿליגל... פֿליגל אָן אַ גאַנדז, מיט עפּעס אַ שווערקייט, וואָס ציט די האַנט אַראָפּ, און דאָס איז - טויט...

דער אַלטער האָט אַרויסגעלאָזט די גאַנדז פֿון דער האַנט און זיך מיט נײַעם אימפּעט גענומען טאַפּן די וואַנט, ווו ער איז געווען זיכער, אַז דאָ באַדאַרף זיך ערגעץ געפֿינען די טיר. און אָט די אימפּעטדיקע טאַפּעניש און זוכעניש איז באַגלייט געוואָרן פֿון אַ פֿליגל-פּאַטשערײַ... און די ווײַסע פּאַסקעס שוועבן אַלץ אָפּטער און אָפּטער... מיט בליציקער שנעלקייט באַווײַזן זיי זיך דאָ און דאָרט, ווערן פֿאַרשוווּנדן און ווײַזן זיך ווידער, ווי דער גאַנצער פֿינצטערער פֿאַרנעם פֿון קאַמער וואָלט געווען אָנגעפֿילט מיט נישט-גוטע, מיט בייזע גײַסטער און לצים, וואָס האָבן אים דאָ אַהער-צו אין דער פֿינצטערער קאַמער אַרײַנגענאַרט...

דער אַלטער איז פֿון מינוט צו מינוט אַלץ מער צעטומלט געוואָרן. ער איז געלאָפֿן אַהין און אַהער, מאָמענטווײַז פֿאַרגעסן, נאָך וואָס און צו וואָס ער לויפֿט, און צו מאָל אַפֿילו פֿאַרגעסן, ווו ער געפֿינט זיך. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער לויפֿט עפּעס אין אומענדלעכער ווײַטקייט, ווערט געיאָגט און געטריבן פֿון אָט די טײַוואָלים, וואָס האָבן זיך דאָ פֿאַרזאַמלט. און אַזוי אַרומלויפֿנדיק, האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אָן עפּעס אַ ווייכער זאַך און איז געפֿאַלן, און דערפֿילט, אַז דאָס איז די זעלבע ״זאַך״, וואָס ער האָט פֿריִער פֿון דער האַנט אַרויסגעלאָזט... און ווי פֿריִער האָט עס געפּאַטשט מיט די פֿליגל און אַליין האָט עס געשוויגן, ווי עס וואָלט בלויז באַשטאַנען פֿון פּאַטשערײַ און פֿון פֿליגל...

---

ער האָט זיך געוואָלט אויפֿהייבן, נאָר ער איז געווען פּאַראַליזירט פֿון שרעק... און ערגעץ אין זײַן נאָך נישט אין גאַנצן פּאַראַליזירטן מוח זענען, ווי קאַלטע זשאַבעס, געשפּרונגען געדאַנקען, אַז ער איז טויט און אַז דער טויט איז עפּעס אַזעלכעס, וואָס פּאַטשט מיט אַ פֿליגל-פּאַטשערײַ. ס׳איז עפּעס ווי זײַן אייגנס און דאָך אַזוי שווידערלעך פֿרעמד... ס׳איז עפּעס אַזעלכעס, וואָס לעבט מיט נישט קיין לעבעדיקן לעבן... עס לעבט מיט טויט...

---

ווען די שנור איז גאַנץ פֿרי אַרײַנגעקומען אין קאַמער, האָט זי דעם אַלטן געטראָפֿן ליגן אָן אַ סימן פֿון לעבן, און לעבן אים איז געלעגן, פּונקט אַזוי ווי ער, אָן אַ סימן פֿון לעבן – אַ גאַנדז.

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון מירל שײנהויט הירשאַן, נח מילער, לעאָנאַרד פּראַגער און רפֿאל פֿינקל.

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved